בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

367 | פרשת בשלח | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### תפילה - אויך ווען מ'איז פארזיכערט מיט די ישועה

"וּפַרְעֹה הִקְרִיב וַיִּשְׂאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת עֵינֵיהֶם וְהִנֵּה מִצְרַיִם נֹסֵעַ אַחֲרֵיהֶם וַיִּירְאוּ מְאֹד וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל ה'" (יד י)

אין זיין פירוש אויפן פסוק ברענגט רש"י וואס חז"ל זאגן (תנחומא ט) אז די אידן האבן געשריגן ווייל "תפשו אומנות אבותיהם". און די וואונדער איז: דארף מען דען זוכן א סיבה פארוואס די אידן האבן געדאווענט, זיי זענען דאך דעמאלטס געווען אין א גרויסע צרה?

נאר, מ'קען זאגן, טראץ די צרות וואס האט זיי אנגעטראפן אין יענע צייט, האבן זיי נישט געדאווענט צוליב דעם, ווייל זיי האבן זיך פארלאזט אויף די הבטחה פון השי"ת אז ער וועט טון מיט זיי ניסים ונפלאות. דעריבער טייטש רש"י אז זייער געשריי איז געקומען פון דעם וואס "שתפשו אומנות אבותיהם", און נאר צוליב די צרה זענען זיי נתעורר געווארן צו דאווענען. פון דא לערנען מיר, אז יעדע צרה וואס טרעפט אן דעם מענטש, אויך ווען ער איז פארזיכערט מיט א ישועה, דארף ער שרייען און דאווענען צו ה'.

'נפלאות חדשות' [פיעטרקוב תרנ"ז]

### פארוואס לייגט דער מלאך המות זיין וואפן אין שול?

"ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן" (יד יד)

דער **האר"י הקדוש** זאגט אז וועגן דעם רופט אן די תורה א מגיפה 'דבר' - פון לשון 'דיבור' - דיך צו לערנען אז די מזיקים וואס הרג'ענען ביי די מגיפה ווערן באשאפן פון די זינד פון רעדן אין שול.

לויט דעם ערקלערט דער פריערדיגער מוכיח **רבי משה כהנא מגיביטש** וואס חז"ל זאגן (ב"ק סב א): "דבר בעיר, אל יכנס אדם יחיד לבית הכנסת, שמלאך המות מפקיד שם כליו". פארוואס פון אלע פלעצער וועלט אויס דער מלאך המות די שולן אריינלייגן דארט זיין וואפן? ווייל ווי געזאגט, די משחיתים וואס שעדיגן בשעת די מגיפה ווערן באשאפן אין שול, פון די דברים בטלים פון די מתפללים, און זיי זענען די 'כלים' פון מלאך המות.

א וואונדערליכער רמז אויף די חשיבות פון זיך אפהאלטן פון צו רעדן אין שול לערנט ארויס דער מוכיח מגיביטש פון דעם פאלגנדן פסוק: ווען וועט זיין "ה' ילחם לכם" אקעגן די וואס קומען

### 'אמן' מאכט רוען די שכינה און איילט צו די רפואה

"כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ" (טו כו)

האדמו"ר **רבי אהרן ראטה** בעל 'שומר אמונים' זאגט:

ווען אידישע קינדער ענטפערן אמן, קומט דארט אן די שכינה הקדושה און רוהט אויף יענע פלאץ, און דורך דעם איז דער מענטש זוכה צו א רפואה שלימה, סיי רפואת הנפש און סיי רפואת הגוף. דער ענין איז מרומז אין די פאלגנדע פסוק; דורך: "כִּי אֲנִי" - בגימטריה 'אמן', "ה' רֹפְאֶךָ" - רוט די שכינה, און דער מענטש איז זוכה צו א ישועה.

און אזוי פלעגט דער משפיע **רבי אליהו ראטה** זאגן פאר זיינע תלמידים שומעי לקחו:

"ענק זאלן וויסן, דורך ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, זענען מיר משפיע אויף אונז השפעות טובות בגשמיות און ברוחניות, און מ'פארטרייבט די קראנקייטן פון הויז. יעדער מענטש זאל איבערטראכטן, וואס איז ביי אים מער חשובער - גיין צו דאקטורים אדער ענטפערן אמן אויפן קול? ווייל אמן איז א וואונדערליכע סגולה ניצול ווערן פון די אלע זאכן און ברענגען א ישועה און הצלחה אין אלע ענינים".

'אמרי אהרן'; 'איש חסיד היה' עמ' רלא

ענק שעדיגן? ווען "ואתם תחרישון" - פון צו רעדן אין שול. אבער אויב ענק וועלן חלילה רעדן דברים בטלים אין שול, מיט ענקער מויל באשאפן ענק די משחיתים וואס וועלן ענק שעדיגן.

'דרך משה' ליום ח

### וועלעכע ברכה האט מען געזאגט אויף די מן?

"וַיִּרְאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו מָן הוּא כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם לְאָכְלָה" (טז טו)

**רבי אהרן** לעווין דער רב פון ריישא זאגט, ווען די אידן האבן זיך איבערגעצייגט אז מ'קען פילן אין די מן פארשידענע טעמים, האבן זיי זיך געוואונדערט: "מָן הוּא" - וואספארא ברכה דארף מען זאגן אויף די עסן? "כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא" - וואס איז דער עסנווארג. און דער **חכם עזרא הכהן מסלתון טראב** ראב"ד דמשק האט צוגעלייגט, אז 'מן' - איז ראשי תיבות: 'מה נברך'.

און טאקע אזוי, אסאך פון די מפרשים פלאגן זיך מיט די שאלה - וואספארא ברכה האבן די אידן געזאגט אויף די מן? פאלגנד זענען עטליכע פון די שיטות וואס זענען געזאגט געווארן אין די סוגיא:

א. **רבי יהודה החסיד** האלט אז זיי האבן געזאגט: "הנותן לחם מן השמים".

ב. **הרמ"ע מפאנו** שרייבט אז די ברכה איז געווען: "המוציא לחם מן השמים".

ג. לויטן **'בן איש חי'** האבן זיי געזאגט: "הממטיר לחם מן השמים".

ד. **רבי דוד משה אברהם** דער רב פון ראהטין איז מחדש אז די מן האט נישט געהאט א באשטימטע ברכה, נאר יעדער איינער האט געזאגט די ברכה לויט דער טעם וואס ער האט געפילט אין דעם.

ה. דער **'בני יששכר'** איז מחלק, אינמיטן וואך האט מען אינגאנצן נישט געזאגט א ברכה ווייל עס איז אייגעזאפט געווארן אין די גלידער, נאר שבת האט מען געזאגט: "אשר קדשנו במצותיו וציונו לאכול סעודת שבת".

ווי א ראיה צו דעם אז אויף די מן האט מען נישט געדארפט זאגן א ברכה אלץ זיך ברענגט רבי אהרן לעווין פון ריישא דעם לשון הגמרא (ברכות לה א): "אסור לו לאדם שיהנה מן העולם הזה בלא ברכה", און פון דא איז געדרינגען אז די חיוב צו זאגן א ברכה איז נאר אויף אזאך וואס וואקסט אין עולם הזה - נישט ווי מן וואס איז געקומען פון הימל.

ו-ז. לויט די שיטה פון **'ספורנו'** (להלן טז כז) אז כאטש די מן איז נישט געווען מחובר לקרקע, דאך אויפן צוזאמנעמען אין שבת איז מען עובר אויף די איסור פון 'עוקר דבר מגידולו' [וואס איז א תולדה פון מלאכת קוצר, אזוי ווי די חכמים האבן גע'אסר'ט (שבת קח א) אפרייסן א שוועמל וואס וואקסט אויף די ברעג פון א כלי]. זאגט דער **'שפתי צדיק'** פון פילץ אז עס קען זיין אז מ'האט געזאגט די ברכה: "המוציא לחם מן הארץ". דאקעגן דער **'כלי חמדה'** לערנט פון דא אז מ'האט געזאגט: "בורא פרי האדמה".

ספר חסידים תתתתמ; מאמרי הרמ"ע - 'מאמר שבתות ה'' ח"ו; שו"ת 'תורה לשמה' סג; 'מרכבת המשנה' על מכילתא בשלח דף סו; 'בני יששכר' מאמרי השבתות ג ג; 'שפתי צדיק' אות סז; 'ברכת אהרן' ברכות פ"א מאמר פה; 'ויאמר עזרא'; 'חמדת ישראל' ח"ב סי' יד



## א ברכה אן אמן - איז ווי א פלג גופא

דעם קומענדיגן מיטוואך הבעל"ט - כ"א בשבט געפאלט אויס די יומא דהילולא פון האדמו"ר רבי יחיאל יהושע פון ביאלא זיע"א, וואס האט זייער מקפיד געווען צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די סדר פון זיינע הנהגות ('סדר היום' אות נ):

"זאגן די ברכות השחר פאר עטליכע מענטשן וואס זאלן ענטפערן אמן, **ווי עס באקאנט פון קדושי עליון אז א ברכה אן קיין אמן איז ממש א פְּלַג גופא.**"

**ברכות השחר מיט א חברותא - א שלימות'דיגע לויב פארן קעניג**

# תענה אמונים



## 'יהי רצון' נאך די ברכה 'המעביר שינה' (ב)

### פון 'עשה טוב' צו 'סור מרע'

די חכמים זאגן (קידושין ל ב): "יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש המיתו [דורכ'ן אים מאכן זינדיגן]... ואלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו אין יכול לו". אן הילף פון הימל וואלטן מיר נישט געקענט בוחר זיין אין די גוטע וועג - זיך מדבק זיין אין תורה און מצוות, און נישט זיך אקעגן שטעלן מיט א שטארקייט אקעגן די איינרעדענישן פון יצר הרע. דעריבער נאך וואס מיר האבן געבעטן אז הקב"ה זאל אונז העלפן מיט 'עשה טוב' - "שתרגילנו בתורתך ודבקנו במצוותיך", טון מיר פארזעצן און בעטן: "ואל תביאנו לא לידי חטא", פון הימל זאל מען אונז העלפן אויך אויף 'סור מרע' ('אבודרהם' סדר ברכות השחר; 'שפתי חיים' - 'רינת חיים' ביאורי תפילה עמ' סד).

נאך קען מען ערקלערן די שייכות פון די צוויי בקשות, מיט דעם וואס די חכמים זאגן (יומא עב ב): "מאי דכתיב (דברים ד מד): 'וזאת התורה אשר שם [פון לשון 'סם'] משה'? "זכה [ער האט געלערנט תורה לשמה] נעשית לו סם חיים, לא זכה [נאר ער האט געלערנט צוליב גאוה און שטאלץ] נעשית לו סם מיתה (ע"פ מהרש"א שם ותוספות תענית ז א ד"ה וכל).

דעריבער נאך וואס מיר האבן געבעטן "שתרגילנו בתורתך", לייגן מיר צו און בעטן, מיר זאלן זוכה זיין צו זיין פון די וואס די תורה איז פאר זיי 'סם חיים', און נישט פון די וואס זייער תורה איז פאר זיי 'סם מיתה', און ברענגט צו זיי זאלן זינדיגן (סידור 'אור החמה' דף יט).

### 'אל תט לבי לדבר רע'

אסאך וואונדערן זיך אויף די נוסח פון די בקשה "ואל **תביאנו** לא לידי חטא"; הקב"ה ברענגט דען צו דעם מענטש צו זינדיגן, דער מענטש האט דאך די בחירה אין זיינע הענט צי ער זאל טון שלעכט'ס אדער טון גוט'ס?

עס זענען דא וואס שרייבן אז מ'דארף טאקע נישט זאגן דער נוסח, נאר: "ותשמרני מלבוא לידי חטא" ('עטרת זקנים' או"ח מו ו). אבער אין גמרא (ברכות ס ב) ווערט געברענגט דער נוסח וואס מיר האבן, אויך אין תהילים טרעפן מיר ענליך צו די בקשה, אזוי ווי עס שטייט (שם קמא ד): "אל תט לבי לדבר רע".

דער 'תוספות יום טוב' טייטש אז מיר בעטן פון הקב"ה ער זאל זיך נישט פירן מיט אונז אזוי ווי ער פירט זיך מיט די רשעים וואס ער שטארקט זייער הארץ זיי זאלן שלעכט'ס טון, און פארמאכט פאר זיי די וועגן פון תשובה, אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט (תשובה ו ג): "עס קען זיין אז א מענטש וועט זינדיגן א גרויסער זינד... וואס מ'האלט אים אפ פון תשובה טון און מ'געבט אים נישט די מעגליכקייט זיך צוריק קערן פון זיין שלעכט'ס, כדי ער זאל שטארבן און פארלוירן ווערן צוליב די זינד וואס ער האט געטון... דעריבער שטייט אין די תורה (ראה שמות ד כא): 'ואני אחזק את לב פרעה', ווייל ער האט געזינדיגט פון זיך אליין און שלעכט'ס געטון פאר די אידן וואס האבן געוואוינט אין זיין לאנד, ווי עס שטייט (שמות א יז): 'הבה נתחכמה לו', דעריבער האט מען אים אפגעהאלטן פון תשובה טון ביז מ'האט אים באשטראפט, דעריבער האט הקב"ה געשטארקט זיין הארץ" ('מעדני יום טוב' ברכות פ"ט סי' כג אות ב).

נאך טייטש דער של"ה הקדוש: די חכמים זאגן (שבת קד א): "בא ליטמא פותחין לו". דעריבער בעטן מיר אז אויך אויב מיר זענען חלילה נכשל געווארן מיט א זינד, זאל מען פון הימל נישט עפענען די טיר פאר אונז מיר זאלן פארמערן זינדיגן, נאר מיר זאלן באקומען הילף צו קענען גיין אויף דעם ערליכן וועג (סידור השל"ה).

### די באדייט פון דער לשון 'לידי חטא'

דער טעם פארוואס מ'כאפט אן דער לשון 'לידי', ווייל דער עיקר ארבעט איז מיר זאלן נישט ארייננפאלן אין די 'ידים' פון די זינד. א משל צו צוויי מענטשן וואס ראנגלען זיך ארום; אין דער מינוט וואס פאר איינעם איז געלונגען אראפווארפן דעם צווייטן אויף די ערד, איז ער אין זיינע הענט צו טון מיט אים וואס ער וויל. דאס איז דא דער הויפט בקשה, נישט ארייננפאלן אין די 'הענט' פון די זינד, ווייל נאכדעם איז שוין שווער זיך אפרייסן ('תפילת חנה' עמ' סט).

נאך טייטש מען אז 'לידי חטא' גייט ארויף אויפן מלאך וואס איז באשאפן געווארן דורך די זינד, ווייל דאס איז דאך די ענין פון "עבירה גוררת עבירה" (אבות ד ב) - דער מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון די זינד וויל שטענדיג אפהאלטן דעם מענטש פון תשובה טון, ווייל דורך די תשובה וועט ער דאך בטל ווערן. דעריבער וויל ער אים צורעדן ווייטער זינדיגן ('נחל יצחק' תצוה).

נאך א וועג איז דא צו פארשטיין דער לשון 'לידי', מיר טרעפן א באגריף פון 'ידות נדרים' ווען ער זאגט נישט ארויס דער גאנצער נוסח פון די נדר, נאר ער איז מקצר זיין לשון און זאגט נאר א טייל (זעה ר"ן נדרים ב א ד"ה כל). דאס בעטן מיר, מיר זאלן אויך נישט נכשל ווערן מיט 'ידים' פון א זינד, דער יצר הרע זאל נישט קענען געוועלטיגן אונז איינרעדן אפילו אנהייבן די עבירה וואס דאס שלעפט נאך די עבירה אליין ('רוח חכמים' [לר"מ וויגדער] קונ' 'מנחת יהודה' עמ' ב).

### חטא, עבירה און עון

ביי די בקשה בעטן מיר זאלן נישט צוקומען "לא לידי חטא, ולא לידי עבירה ועון".

'עבירה' מיינט א זינד וואס ווערט געטון צוליב די התגברות היצר און נישט מיט די אייגענע ווילן, און דאס איז צווישן 'חטא' וואס באדייט שוגג, צו 'עון' וואס באדייט מזיד ('עיון תפילה' בסידור 'אוצר התפילות').

קומט אויס אז מיר הייבן אן מיט א גרויסע בקשה מיר זאלן נישט צוקומען אפילו צו א 'חטא' בשוגג, נאכדעם בעט מען אז אויך אויב די בקשה וועט נישט אנגענומען ווערן, זאלן מיר נישט צוקומען צו א 'עבירה', און אין ענדע בעטן מיר - אז לכל הפחות זאלן מיר נישט נכשל ווערן מיט א 'עון' וואס ווערט געטון במזיד, אזוי ווי רש"י שרייבט (בראשית כד נה) אז די סדר פון די וואס בעטן, פריער צו בעטן אויף א גרויסע זאך, און פארזעצן מיט א קלענערע בקשה (ראה 'ברכת איש' חיי שרה).

אין סידור 'צלותא דאברהם' טייטש ער אויף נאך א וועג: 'עבירה' איז טייטש מבטל זיין מצות עשה. און מיר בעטן אז נישט נאר מיר זאלן נישט נכשל ווערן מיטן עובר זיין אויף א 'לא-תעשה' בשוגג צי במזיד ['חטא' און 'עון'], נאר אויך נישט צוקומען צו מבטל זיין א מצות עשה, און אזוי זאלן מיר זיין דבוק אין די מצוות.

עס זענען וואס ערקלערן אז סיי 'עבירה' און סיי 'עון' זענען זינד וואס ווערן געטון במזיד, נאר דער חילוק צווישן זיי, 'עון' איז א זאך וואס אויך אויב מיר וואלטן נישט באפוילן געווארן אויף דעם אין די תורה, צוליב די שכל וואלט מען עס נישט געמעגט טון, דאקעגן עבירה איז אזא זאך וואס אויב מיר וואלטן נישט באפוילן געווארן אויף דעם אין די תורה וואלטן מיר זיך נישט אפגעהאלטן פון דעם, אזוי ווי די באדייט פון דער לשון 'עבירה' - עובר זיין אויף די געזעצן פון די תורה ('ביאור שמות הנרדפים שבתנ"ך' עמ' רמז).

**ואל תביאנו** - דו זאלסט אונז העלפן זיך צו קענען שטארקן אויפן יצר הרע, און דורך דעם וועלן מיר נישט צוקומען **לא לידי חטא** - בשוגג **ולא לידי עבירה** - וואס קומט צוליב די יצר הרע וואס שטארקט זיך **ועון** - וואס ווערט געטון במזיד.

# מעשה אמונים



## 'תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם'

די צווייטע וועלט'ס קריג איז געווען פאר דאס אידישע פאלק א נסיון זען צי זיי וועלן בלייבן ווייטער מאמינים בני מאמינים. די געפערליכע באדינגונגען וואס האבן געהערשט אין די לאגערן, די שטענדיגע ליידן נעבן די גאס-קאמערן האבן נישט געקענט אפשוואכן די פונק פון אמונה וואס האט ווייטער געפלאקערט אין די הערצער פון צענדליגער טויזנטער אידן, אויך אין די פינסטערע טעג.

צוקלאפט און אנגעווייטאגט, אחד מעיר ושנים ממשפחה, נאכן אריבער גיין א שווערע וועג פול מיט שטרויכלונגען, האבן זיי פארלאזט זייערע געבורט'ס לענדער וואס האבן זיי געשפיגן אין פנים, און אנגעהויבן אויפשטעלן זייער לעבן פון דאסניי, ווען אין זייער הארץ ליגט באהאלטן זכרונות פון די אינהאלטסרייכע לעבן וואס איז געווען און וועט מער נישט זיין.

אין די ערשטע צענדליגער יארן נאכן די וועלט'ס-קריג זענען זיי געווען פארנומען אויפצובויען זייער נייעם לעבן, מיטן אויפשטעלן א אידישע פאמיליע וואס וועט זיין א אייביגע עדות אז "נצח ישראל לא ישקר ולא ינחם". דער רשע וואס האט געוואלט פארלענדן די גאנצע אידנטום, האט שוין נישט עקזיסטירט צו קענען זען די פרישע בליה און וואוקס פון דאס אייביגע פאלק.

נאר ווען זיי זענען אנגעקומען צו די עלטערע און רואיגע יארן, האבן זיך אסאך פון זיי געמאכט צייט שרייבן זייערע זכרונות אויף א בוך עס זאל זיין א אייביגע אנדענק פאר דער נייעם דור וואס האט נישט געקענט דעם פריערדיגן דור וואס איז שוין כמעט נישט געבליבן פון דעם.

איינער פון די געראטעוועטע איז געווען רבי יעקב ישראל קריגער פון די שטאט נתניה, א לאדזשער געבוירענער און א אפשטאמיגער פון גרויסע פולישע רבי'ס, וואס אין זיינע עלטערן יארן האט ער ארויסגעגעבן א ספר וואו ער האט דארט באשריבן זיינע געדענקענישן פון די וועלט'ס-קריג - "חייתני", וואו דארט ברענגט ער די ערציילונג.

"מיט איין זאך האלט איך מיך שטאלץ ביזן היינטיגן טאג", הייבט אן הרב קריגער, "אויף דעם וואס אין לויף פון אלע יארן אין די ביטערע מלחמה האב איך איין מינוט נישט פארגעסן פונעם אייבערשטן, און איך האב זיך נישט אפגערעדט אויף זיינע מעשים".

זיין שטארקע אמונה און האפענונג האט הרב קריגער באקומען פון זיין דאווענען וואס ער האט מקפיד געווען צו דאווענען יעדן טאג. יעדן אינדערפריה, אן צו דערלייגן אפילו איין טאג, אין די צייט וואס ער פלעגט זיך צוזאממשטיפן מיט אלע ארעסטאנטן ביי די 'אפעל' אינדערפריה, וואס מיט די נאצי'שע סאדיסטישקייט האט זיך עס געקענט ציען לאנגע שעה'ן, אן זיך צו רעכענען מיט די וועטער וואס האט געהערשט אין יענע צייטן. אין די צייט פון די 'אפעל' האבן זיינע ליפן געמורמלט דאס שחרית'דיגע דאווענען, א שטילע דאווענען וואס איז שטענדיג באגלייט געווען מיט קאכעדיגע טרערן וואס זענען גערינען פון די אויגן וואס האבן נישט געוואלט פארלירן די האפענונג.

"שרעק דיך נישט", האט רבי יעקב ישראל צו זיך אליין אונטערגעזאגט חיזוק ווערטער ווען ער האט געענדיגט דאווענען, "האלט דיך פעסט אקעגן אלע שוועריקייטן. עס וועט נישט געדויערן לאנג ביז עס וועט אנקומען דער טאג וואס דו וועסט זוכה זיין זען די מפלה פון די רשעים, און קענען ארויף גיין צו די הייליגע לאנד".

ערב שבת קודש אין די בירקאנאו-לאגער. אזוי ווי יעדן טאג, פארנאכט'ס האבן די ארעסטאנטן באקומען זייער טעגליכן עסן, א רעפטל-ברויט. רבי יעקב ישראל, טראץ זיין הונגער, האט זיך נישט געאיילט עסן זיין פארציע. שבת ביינאכט האט ער זיך געפירט קידוש צו מאכן אויף א האלבע רעפטל און עסן לכבוד די סעודה פון שבת-ביינאכט, און די אנדערע האלב האט ער אוועקגעלייגט צו מאכן אויף דעם קידוש שבת אינדערפריה.

אכטונג געבן אויף א רעפטל ברויט אין א פלאץ וואו עס האט שטענדיג געהערשט א הונגער - איז אינגאנצן נישט געווען א איינפאכע אויפגאבע. ער האט געדארפט גוט באהאלטן די רעפטל אין זיינע קליידער, שלאפן מיט דעם ביינאכט, און אינדערפריה לויפן מיט דעם צו די 'אפעל' וואס ווי געזאגט איז אין דעם אריינגערעכנט געווען דאס דאווענען, וואס נאר נאכדעם האט ער געקענט קידוש מאכן און עסן.

דערציילט ווייטער הרב קריגער:

"א געוויסע שבת, ווען איך האב אנגעהויבן דאווענען שחרית, האב איך באמערקט נעבן מיר א עלטערער איד מיט א פארביטערטן געזיכט, וואס וואו עס זעט אויס האט ער געפילט אז אין לויף פון די גאנצע 'אפעל' מורמל איך זיך אונטער, און וועלנדיג ארויסווייזן זיין אומצופרידנהייט האט ער זיך אנגערופן הויעך איך זאל הערן: 'נעבעך. א יונגער מענטש און רעדט שוין צו זיך אליין...'.

ווייל איך האב געהאלטן אינמיטן דאווענען האב איך אים נישט געקענט ענטפערן אין יענע מינוט. נאר ווען איך האב געענדיגט א טייל פון די דאווענען האב איך אים געענטפערט: 'איר האט א טעות, מיין הער, איך האב נישט גערעדט צו מיר; נאר צום אייבערשטן. איך האב גדאווענט פאר אים. היינט איז דאך דער הייליגער שבת!'.

'וואס?', איז דער מענטש ערשטוינט געווארן, 'היינט איז שבת, און דו האסט גדאווענט?!'. דא האט דער מענטש מיך אנגעכאפט מיט זיינע צוויי הענט און זיך געבעטן צו מיר: 'טייערער איד! צו מיין גרויסער ווייטאג אין מיין יוגנט האב איך זיך דערווייטערט פון די אידישע וועג, שוין צוואנציג יאר וואס איך האב נישט גדאווענט. איך בעט דיר, אויב דו גייסט יעצט פארזעצן דאס דאווענען, ביטע זאג עס מיט מער א העכערע שטימע, כדי איך זאל קענען נאכזאגן עטליכע ווערטער פון די הייליגע ווערטער וואס איך האב שוין אנגעיאגט צו פארגעסן!'.

איך האב פארגעזעצט מיין דאווענען מער שטייט ווען איך הייב אויך אויף אביסל מיין שטימע. דער מענטש נעבן מיר האט זיך אנגעשטרענגט נאכזאגן יעדע ווארט וואס איך האב ארויסגעזאגט פון מיין מויל.

איך האב געענדיגט דאווענען אין די זעלבע צייט וואס די 'אפעל' האט זיך געענדיגט. ווען איך בין צוריק צו מיין בודקע האב איך אין אכט גענומען אז דער מענטש גייט נאך מיינע פוס טריט. אנקומענדיג צו מיין בעט האב איך ארויסגענומען די האלבע רעפטל פון מיין טאש, איך האב אויף דעם קידוש געמאכט אזוי ווי מיין שטייגער, אבער דאס מאל האב איך עס צוטיילט אין צוויי. איין טייל האב איך אליין געגעסן, און די צווייטע טייל האב איך געגעבן צו מיין נייעם פריינד.

אבער, יענער האט זיך גע'עקשנ'ט און נישט געוואלט נעמען. ער האט גע'טענה'עט אז עסן מיין פארציע איז אין זיינע אויגן ווי רציחה. איך האב זיך געבעטן ביי אים אז עסן די רעפטל איז ווי טרינקען פון די קידוש וויין, און נאר דערנאך וואס איך האב אים איבערגערעדט אז דאס איז מיין פריוואטע 'עונג שבת', ווען אין אזא שרעקליכן פלאץ בין איך זוכה צו האבן אזא טייערע גאסט ביי מיר, האט ער עס אנגענומען און געגעסן צוזאמען מיט מיר.

דאס איז געווען א אומפארגעסליכע שבת'דיגע סעודה, דאס עצם געבן פאר א צווייטן האט אין מיר אריינגעבלאזן פרישע כוחות, ברוחניות און בגשמיות. טראץ די מאגערע פארציע, אפגערעדט פון די שווערע באדינגונגען וואס האבן געהערשט ארום, האב איך געפילט ווי כאילו איך זיץ אויף א קעניגליכע טיש, איך פארגעס פון אלעס וואס נעמט מיך ארום און מיין זעל ווערט דערהויבן ביז צו די הייעך. דאס איז געווען 'מעין עולם הבא'דיגע מינוטן' וואס וועט קיינמאל מער נישט זיין.

'נר לשולחן שבת' גיליון 629

עיצובים shay